תורה איז ער חייב מיתה, ווייל ער האָט זיך געמאַכט
8 פֿאַר ג־טס זון. און ווען פּילאַטוס האָט געהערט דאָס
דאָזיקע וואָרט, האָט ער זיך נאָך מער געפֿאַרכטן;
9 און איז ווידער אַריינגעגאַנגען אינעם פּרעטאָריום
און האָט געזאָגט צו ישוען: פֿונוואַנען ביסטו?
ישוע אָבער האָט אים נישט געגעבן קיין ענטפֿער.
10 פּילאַטוס זאָגט דעריבער צו אים: צו מיר רעדסטו
נישט? ווייסטו דען נישט, אַז איך האָב מאַכט דיך
צו באַפֿרייען, און האָב מאַכט דיך צו קרייציקן?
11 האָט ישוע געענטפֿערט: דו וואָלסט נישט געהאַט
קיין שום מאַכט קעגן מיר, אויב עס וואָלט דיר
נישט געגעבן געוואָרן פֿון אויבן; דערפֿאַר האָט אַ
גרעסערע זינד דער, וואָס האָט מיך איבערגעגעבן
12 צו דיר. פֿון דעמלט אָן האָט פּילאַטוס געזוכט אים
צו באַפֿרייען; די יידן אָבער האָבן געשריגן, אַזוי צו
זאָגן: אויב דו באַפֿרייסט דעם דאָזיקן, ביסטו נישט
דעם קיסרס פֿריינט; (וואָרום) יעדער איינער, וואָס
מאַכט זיך פֿאַר אַ מלך, ווידערשפּעניקט קעגן קיסר.
13 ווען זשע פּילאַטוס האָט געהערט די דאָזיקע
ווערטער, האָט ער אַרויסגעפֿירט ישוען, און
זיך אַנידערגעזעצט אויף דער טריבונאַל־שטול,
אויף דעם אָרט, וואָס הייסט ליטאָסטראָטאָס, און
14 אויף לשון־קודש גבתא (אויספּלאַסטערונג). און עס
איז געווען ערב פּסח, אַרום דער זעקסטער שעה.
און ער האָט געזאָגט צו די יידן: זע, אייער
15 מלך! און זיי האָבן אַ געשריי געטון: אַוועק, אַוועק,
קרייציק אים! זאָגט פּילאַטוס צו זיי: דעם מלך
אייערן זאָל איך קרייציקן? האָבן די הויפּט־כהנים
געענטפֿערט: מיר האָבן נישט קיין מלך אַחוץ
16 דעם קיסר! האָט ער דעמלט אים איבערגעגעבן
צו זיי, אַז ער זאָל געקרייציקט ווערן.